א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

270 | פרשת ויקרא | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### וויאזוי קען מען זיך אנלענען אויף די בהמה בשעת די וידוי?

"וְסָמַךְ יָדוֹ עַל רֹאשׁ הָעֹלָה וְנִרְצָה לוֹ לְכַפֵּר עָלָיו" (א ד)

אין מסכת יומא (לו א) ווערט ערקלערט אז ווען מ'טוט סמיכה אויפן קרבן, האט דער בעל הקרבן זיך מתוודה געווען אויף זיין זינד וואס צוליב דעם האט ער געברענגט די קרבן [זעה אין 'כתב והקבלה' דא אויפן פלאץ וואס זאגט אז די ווארט 'לכפר' אין טייטש: זיך מתוודה זיין].

אין הלכות יום הכפורים פסק'נט דער 'מגן אברהם' (תרז ד) אז ווייל וידוי דארף געזאגט ווערן שטייענדיג, דעריבער ביים זאגן די וידוי טאר מען זיך נישט אנלענען אויף אזא וועג וואס אויב די זאך וואס אויף דעם לענט ער זיך אן וועט אוועקגענומען ווערן - וועט ער אראפפאלן, ווייל אזא סמיכה ווערט גערעכענט ווי זיצן. לויט דעם וואונדערט זיך דער **'אמרי אמת'**: וויאזוי קען דער בעל הקרבן זיך מתוודה זיין בשעת די סמיכה, די סמיכה אויף די בהמה דארף דאך זיין 'בכל כוחו' (חגיגה טז ב), און אויב די בהמה וועט אוועקגענומען ווערן איז דאך זיכער אז דער בעל הקרבן וועט אראפפאלן?

**רבי יצחק יהודה טרונק** אב"ד קוטנא, פארענטפערט די קשיא אויף צוויי וועגן:

א. כאטש די סמיכה איז געטון געווארן 'בכל כוחו', איז עס נישט געטון געווארן מיט די כח פון די גאנצע קערפער, נאר מט די גאנצע כח פון די הענט אליין [זעה אין מדרש (בר"ר סה יז) אז די שעפסעלעך אין ארץ ישראל זענען געווען זייער הויעך. לויט דעם, דער וואס האט געברענגט די שעפסל האט זיך נישט געדארפט אראפבייגן כדי זיך אנלענען אויף דעם, און די סמיכה איז געטון געווארן נאר מיט די כח פון זיינע הענט]. אויב אזוי, אויך אויב די בהמה וועט אוועק גענומען ווערן וועט דער בעל הקרבן בלייבן שטיין, און דאס איז נישט קיין אנלענען וואס דער 'מגן אברהם' האט גע'אסר'ט.

ב. די איסור פון סמיכה בשעת די וידוי איז נאר פאר אזא איינער וואס לענט זיך אן ווייל עס איז אים שווער דאס שטיין, וואס דעמאלטס ווייזט די סמיכה אויף גאווה, און די וידוי דארף געזאגט ווערן בהכנעה. אבער אויב דאס אנלענען אויפן קרבן איז נישט גרינגער צו מאכן פארן בעל הקרבן, נאר כדי ער זאל מכניע זיין זיין הארץ און ער זאל וויסן אז כל זמן די זינד איז אויף אים - איז ער ווי א בהמה (זעה אין 'פנים יפות' אויף דער פסוק), דעריבער מעג מען זיך אנלענען אויף די בהמה בשעת די וידוי.

'יבין דעת' קונטרס חסדי אבות יג א-ב

### א ברכה אן אמן - איז ווי א תבשיל וואס עס פעלט אין דעם זאלץ

"וְכָל קָרְבַּן מִנְחָתְךָ בַּמֶּלַח תִּמְלָח... עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח" (ב יג)

פארוואס איז געדאפלט געווארן די ציווי אויף זאלצן די קרבנות אין דער פסוק?

אין ספר **'שער בת רבים'** ערקלערט ער אזוי:

א תפילה אן כוונה - איז אזוי ווי א געקעכץ אן זאלץ. דעריבער האט די תורה געדאפלט די לאו אויף די זאלץ, אונז מעורר זיין אז אויך בזמן הזה וואס די תפילה איז אנשטאט די קרבנות (ברכות כו ב) דארפן מיר אכטונג געבן 'זאלצן' אונזערע תפילות דורך ריכטיג אינזין האבן.

ענליך צו דעם האט צוגעשטעלט דער מוכיח הקדמון **רבי משה ב"ר יקר אשכנזי** דאס ענטפערן 'אמן' נאך די ברכה צו זאלץ וואס מ'לייגט אריין אין א געקעכץ: אזוי ווי א גוטע עסנווארג - כל זמן מ'לייגט נישט אריין קיין זאלץ וועט נישט זיין גוט דער טעם, און די ביסל זאלץ וואס מ'לייגט אריין פארבעסערט דאס גאנצע עסן, אזוי אויך א ברכה - איז ווי א גוטע געקעכץ וואס מ'האט נישט אריינגעלייגט אין דעם זאלץ, און די 'אמן' וואס מ'ענטפערט דערויף איז ווי די ביסל זאלץ וואס מאכט גוט דעם גאנצן געקעכץ.

'שער בת רבים'; 'פתח עינים' [קושטא שי"א]

## רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

### ענטפערן אמן איז ווי מקריב זיין א קרבן

"אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה'" (א ב)

אין די פרשה פון די קרבנות זענען אויסגערעכנט דריי סארטן קרבנות: 'אשה', 'מנחה' און 'נסך'. די ראשי תיבות פון: 'אשה, מנחה, נסך' איז: 'אמן', ווייל דער יחוד און דער תיקון וואס איז געטון געווארן אין בית המקדש דורך מקריב זיין די קרבנות, איז מעין די יחוד וואס ווערט געטון דורך ענטפערן אמן, וואס זייער באדייט איז - פאראייניגן די שמות הוי"ה און אדנ"י וואס זענען גימטריה 'אמן'.

'שבטי י-ה' [לרמ"ד וואלי] במדבר כח יא

### אויך אויף די שגגות דארף מען זיך מתוודה זיין

"נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא בִשְׁגָגָה מִכֹּל מִצְוֹת ה' אֲשֶׁר לֹא תֵעָשֶׂינָה" (ד ב)

זאגט דער דובנער מגיד:

"נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא בִּשְׁגָגָה" - א מענטש וואס איז געשטרויכלט געווארן מיט א זינד דארף וויסן אז דאס האט אים פאסירט ווייל: "מִכֹּל מִצְוֹת ה' אֲשֶׁר לֹא תֵעָשֶׂינָה" - צוליב וואס ער האט נישט אכטונג געגעבן אויף די מצוות ווי עס דארף צו זיין, ווייל אויב וואלט ער מקיים געווען אלע מצוות ווי עס דארף צו זיין, וואלט מען אים פון הימל געהיטן ער נישט געשטרויכלט ווערן מיט א זינד.

מיט דעם קען מען ערקלערן דער נוסח פון די וידוי וואס ווערט געברענגט אין מדרש (ויק"ר ג ג): "ערב יום הכפורים דארף מען זאגן: מודה אני, כל רע שעשיתי לפניך, **בדרך רע הייתי עומד** וכל מה שעשיתי עוד לא אעשה כמוהו..."; פארוואס בין איך זיך מתוודה אויף "כל רע שעשיתי לפניך" - אויך אויף די שגגות, ווייל איך בין שולדיג אויך אויף זיי, ווייל: "בדרך רע הייתי עומד", ד.מ. איך האב נישט מקיים געווען די אלע מצוות ווי עס דארף צו זיין.

'אהל יעקב'

### 'כיצד מברכין' אויף א קרבן חטאת

"וְאִם נֶפֶשׁ אַחַת תֶּחֱטָא בִשְׁגָגָה; וְהֵבִיא קָרְבָּנוֹ שְׂעִירַת עִזִּים תְּמִימָה" (ד כז-כח)

אין זיין באקאנטע תשובה אויף די כללי ברכות המצוות (עס ווערט געברענגט אין אבודרהם שער ג) איז מחדש **הר"י בן פַּלַט** אז די כהנים האבן געזאגט א עקסטערע ברכה אויף יעדע זאך וואס זיי האבן געטון ביי די קרבנות, און דער **'משנה למלך'** (מעשה הקרבנות א א) ערקלערט אז דער נוסח הברכה איז געווען: "אשר קדשנו בקדושתו אל אהרן וציונו לעשות כך וכך...".

אויף דעם וואונדערט זיך **רבי יעקב סִינִיגַלְיָה** פון די גדולים פון אנקונא און בעל **'שבת של מי'**: פון די ווערטער פון ר"י בן פלט זעהט אויס אז די כהנים האבן אויך געזאגט א ברכה ווען זיי האבן מקריב געווען א חטאת, לכאורה איז דאס א סתירה צו דעם יסוד וואס ער האט אראפגעלייגט אין אנהייב פון זיינע ווערטער, אז מ'זאגט נישט קיין ברכה אויף אזאך וואס קומט צוליב א עבירה, אזוי ווי צוריק געבן א גזילה א.ד.ג. ווייל דאס איז נישט קיין ברכה נאר א 'ניאוץ'?

וועגן דעם וויל רבי יעקב מכריע זיין אז די כהנים האבן נישט געזאגט קיין ברכה אויף א חטאת, אבער עס זענען דא פון די אחרונים וואס זענען מחלק אזוי:

א. דער בעל **'יד דוד'** איז מחלק: די מצוה פון צוריק געבן די גזילה איז מקיים דער גזלן אליין, און אויב ער וועט זאגן אויף דעם א ברכה איז ער א 'מנאץ', אבער די חטאת האבן מקריב געווען די כהנים וואס האבן נישט געזינדיגט.

ב. נאך איז מחלק דער 'יד דוד': די מצוה פון צוריק געבן די גזילה איז אויך שייך ווען איינער גזל'ט במזיד, אבער א חטאת קומט נאר אויף א שוגג, און וועגן דעם ווערט נישט די ברכה גערעכנט פאר א ניאוץ.

ג. אין **'שדי חמד'** איז ער מחלק אויף דעם וועג: ביי די נוסח פון די ברכה אויף די חטאת דערמאנט מען נישט קיין שום זינד, אבער אויב מ'וועט מאכן א ברכה 'להשיב את הגזילה', דערמאנט מען דאך דעם חטא, און וועגן דעם דער וואס זאגט די ברכה איז ער ווי א 'מנאץ'.

'אביר יעקב' כריתות כה א; 'שדי חמד' מערכת יום הכיפורים ב יח



עש"ק ח' אדר ב' איז דער יארצייט פון רבי **אליהו הכהן פון איזמיר** [תפ"ט] דער **בעל 'שבט מוסר'** און נאך ספרים.
אין זיינע חשובע ספרים ברענגט ער אסאך איבער דער שבח און מעלה פון ענטפערן 'אמן',
דא ווילן מיר אראפברענגען אביסל פון זיינע ווערטער איבער די מצוה פון ענטפערן 'אָמֵן':

חז"ל זאגן (דברים רבה ז א): "כָּל הָעוֹנֶה אָמֵן בָּעוֹלָם הַזֶּה זוֹכֶה וְעוֹנֶה לֶעָתִיד לָבֹא". דער טעם פון דעם איז ווייל דאס ענטפערן אמן איז מזכה דעם מענטש ער זאל אויפשטיין תחית המתים, און דורך דעם וועט ער קענען ענטפערן אמן לעתיד לבוא ('עיני העדה' כי תבא).

**אויפן פסוק** (אֶסְתֵּר ב ז): **"וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה" שרייבט רבינו אליהו: עס שטייט 'אֹמֵן' [חסר], וויבאלד אסתר איז געווען א יתומה מאב ואם, האט איר מרדכי הצדיק אויסגעלערנט פון קינדווייז אן צו ענטפערן אמן, אזוי ווי דער רמ"א פסק'נט** (או"ח קכד ז): **"וִילַמֵּד בָּנָיו הַקְּטַנִּים לַעֲנוֹת אָמֵן כִּי מִיָּד שֶׁהַתִּינוֹק עוֹנֶה אָמֵן זוֹכֶה לָעוֹלָם הַבָּא"** ('מנחת אליהו' פרק לב).

דער וואס פארמערט צו ענטפערן אמן איז גורם איז דער אויבישטער זאל משפיע זיין שפע אויף דער וועלט. דער שפע ווערט גערעכנט אויפן זכות פון דער וואס ענטפערט 'אמן' ('מעיל צדקה' א' תפז).

**ברכות השחר: אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

פנינים וביאורים
על 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - ברכת 'בונה ירושלים' (א')

### אנהייבן מיט א לשון פון 'רחמים'

די ברכה 'בונה ירושלים' הייבט זיך מיט א לשון פון רחמים - "רחם נא", וואס די טייטש פון דעם איז: כאטש מיר זענען נישט ראוי צו דעם, דאך טוה מיט אונז א חסד און ערפיל אונזערע בקשות. די סיבה פארוואס מ'הייבט אן די ברכה מיט א לשון פון רחמים, ווייל דער אויבישטער האט רחמנות אויפן מענטש אויך אויב ער איז נישט ראוי צו דעם, אין א צייט וואס ער געפינט זיך אין א צער ווייל מ'טשעפעט אים אדער ווייל ער האט נישט קיין עסן און קליידער. דעריבער דערמאנען מיר דעם אויסדרוק ווען מיר קומען בעהטן אויפן ארויסגיין פונעם גלות און די אויפבוי פון ירושלים, און אויך אויף אונזער פרנסה ('יוסיף דעת' על בהמ"ז, ע"פ סידור הגר"א [ירושלים תש"ז] בפירוש 'שיח יצחק' על ברכת מודים, וב'אבני אליהו' על אבינו מלכנו).

דער לעלובער רבי האדמו"ר רבי שמעון נתן נטע זצ"ל האט געזאגט: אונזער ביטערער מצב אין גלות דערקענט זיך אין די ברכה; אזוי טיף זענען מיר אין די פינסטערניש פון די גלות אז מיר ווערן נישט נתעורר בעהטן ווי עס דארף צו זיין אויף בנין בית המקדש און מלכות בית דוד, נאר ווען מיר פילן א שוועריקייט אין פרנסה, און אויף דעם אליין דארפן מיר דאווענען. און די חז"ל זאגן (תיקוני זוהר ו' דף כב א) אז אין די פינסטערניש פון די גלות זעהן מיר אויס ווי הונט וואס שרייען 'הב הב' - 'הב לנו מזון', 'הב לנו חיים', געב געב, געב אונז עסן, געב אונז לעבן, און מיר טראכטן נישט אריין צו בעהטן אז די שכינה זאל צוריק קומען אויף איר פלאץ ('דברות קודש' [לעלוב] וארא תשס"ד עמ' ג).

### די בקשה אויף כלל ישראל

דער מגיד רבי שמשון פינקוס זצ"ל זאגט:

נישט אומזינסט האט מען מתקן געווען אז די ערשטע זאך וואס מ'בעהט אין די ברכה זאל זיין א בקשה אויף גאנץ כלל ישראל: "רחם נא ה' אלוקינו על ישראל עמך". ווייל די מדה פון רחמנות איז איינגעווארצלט אין די נאטור פון יעדער מענטש. אויב מיר ווילן זעהן אונזער פריינד געפינט זיך אין א עקאנאמישע נויט און מיר האבן א מעגליכקייט אים צו העלפן, ווילן מיר אים זיכער העלפן לויט אונזער מעגליכקייט. און אויך אויב מיר האבן נישט די אייגענע מעגליכקייט אים צו העלפן, אויב מיר ווייסן פון א קרוב אדער א חבר א גרויסער עושר וואס טיילט פאר יעדן נויטבאדערפטיגן מיט א ברייטע הארץ, איז זיכער אז מיר וואלטן זיך נישט פארזוימט און פון אים געבעהטן פאר אונזער פריינד וואס געפינט זיך אין ענגשאפט.

און אין אמת'ן, יעדער פון אונז האט א גוטער פריינד, דער ידיד נפש אב הרחמן, וואס די אלע אוצרות פון די וועלט זענען אין זיינע הענט, ער האט א אומבאגרעניצטע מעגליכקייט צו העלפן, און ער וויל גוט'ס טון פאר אלע וואס דאווענען צו אים, זאלן מיר נישט רחמנות האבן אויף אונזער פריינד און דאווענען צו השי"ת אויף אים? נישט אומזינסט זאגן די חכמים (ברכות יב ב): "כל שאפשר לו לבקש רחמים על חבירו ואינו מבקש - נקרא חוטא", ווייל זיך אפהאלטן פון צו דאווענען אויף א צווייטן קען קומען צוליב צוויי סיבות: אדער ווייל ער גלייבט נישט ווי עס דארף צו זיין אין השי"ת'ס גרויסקייט און אז ער איז א כל יכול, אדער צוליב די מדה פון אכזריות וואס איז איינגעווארצלט אין זיין זעהל, און דערקענט זיך מיט דעם וואס ער האט נישט רחמנות אויף זיין חבר (הגש"פ 'תפארת שמשון').

### בעהטן רחמים אויף די 'בית המקדש' וואס עקזיסטירט בזמן הזה

דער יעב"ץ וואונדערט זיך אויף דער עצם אנהייבן די ברכה פון 'בונה ירושלים' מיט א געבעהט פון רחמים; עס איז דאך נישט דער סדר צו בעהטן אויף אזאך וואס איז געווען און איז נישטא מער? און מ'קען נישט זאגן אז די תפילה גייט ארויף נאר אויפן צוקונפט, ווייל לויט דעם פארוואס בעהטן מיר "רחם... על ישראל... ועל ירושלים" און נישט דעם קלארן נוסח: "ובנה ירושלים"?!

ענטפערט דער יעב"ץ: "אבער על פי דרך האמת איז אלעס קלאר און פארשטענדליך. ווייל באמת זענען די אלע זאכן נישט בטל געווארן, כאטש מיט אונזערע גשמיות'דיגע אויגן זעהן מיר נישט די בית המקדש, פון דעסוועגן אין זייער אמת'דיגן מציאות שטייען זיי ווייטער, דעריבער איז געבליבן זייער קדושה - אויך ווען פאר אונזערע אויגן איז אלעס פוסט, און וועגן דעם זענען מיר פארזיכערט אז מיר וועלן צו דעם צוריק זוכה זיין, וועגן דעם דארפן מיר נישט בעהטן נאר אז עס זאל צוריק אנטפלעקט ווערן זייערע 'אורות' פאר אלע פעלקער" (סידור 'בית יעקב').

### די חביבות פון די אידן פאר הקדוש ברוך הוא

לויט אסאך נוסחאות זאגט מען נישט די ווארט 'נא', נאר: "רחם ה' אלוקינו. א שיינע ערקלערונג אויפן צולייגן די ווארט 'נא' האט געזאגט רבי ברוך הלוי עפשטיין פון פינסק בעל 'תורה תמימה':

מיר זעהן אין גמרא (חולין צא ב) אז די ספעציעלע חביבות וואס די אידן האבן מער פון די מלאכים דערקענט זיך מיט דעם וואס די מלאכי השרת דערמאנען די נאמען פון ה' נאר נאך דריי ווערטער ["קדוש, קדוש, קדוש ה'"], און די אידן דערמאנען די נאמען פון ה' נאך צוויי ווערטער ["שמע ישראל ה'"]. לויט דעם ביי יעדע איינע פון די בקשות ביים ברכת המזון - אריינגערעכנט די ברכה 'רחם נא' - ווערט דערמאנט די נאמען פון ה' נאכן זאגן צוויי ווערטער ["**ברוך אתה ה'**... **נודה לך ה'**... **רצה והחליצנו ה'**... **רחם נא ה'**... **ברוך אתה ה'**..."] ('ברוך שאמר' [פון בעל 'תורה תמימה'] ברכת המזון).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## דער גרויסער הארץ
## וואס האט זיך אפגעשטעלט ביי 'ובנה ירושלים'

א געוואלדיגער מענטש איז געווען דער גאון רבי שרגא פייוול מענדלאוויטש זצ"ל, "דער פאטער פון אלע בני תורה אין אמעריקא, אין דעם דור און אין די קומענדיגע דורות" - אזוי ווי דער גאון הגדול רבי משה פיינשטיין זצ"ל האט אים באטיטולט, דער "וואס די אמעריקאנער אידנטום ביז סוף כל הדורות וועט אים שטענדיג דארפן מכיר טובה זיין אויף זיין תורה'דיגע הארעוואניע" - אזוי ווי דער בעל 'דברי יציב' פון צאנז זצ"ל האט געזאגט אויף אים.

זייענדיג אין עלטער פון זיבן און צוואנציג יאר האט רבי שרגא פייוול אליינס אפגעלאזט די לאנד אונגארן זיין געבורטס פלאץ, און האט באשלאסן צו גיין אויף א פוסטע פלאץ, צו די מגושם'דיגע אמעריקא וואס אין יענע צייטן האבן אסאך אידן פון אייראפא געוואלט דארטן אריבער גיין וואוינען רייך צו ווערן. אבער רבי שרגא פייוול'ס געדאנקען זענען אינגאנצן אנדערשט געווען. פאר רבי שרגא פייוול האט ווי געטון אין די טיפענישן פון זיין הארץ די שרעקליכע צושטאנד פון די אמעריקאנער אידנטום, און אן קיין כח און מעגליכקייטן האט ער באשלאסן אפהאלטן די שרעקליכע ווינט וואס האט אוועק געשלעפט די אמעריקאנער אידן צו די גרויסע פרייע וועלט.

די קומענדיגע פינעף און דרייסיג יאר, ביז צו זיין פטירה, האט רבי שרגא פייוול זיך אינגאנצן אוועק געגעבן פאר השי"ת און זיין תורה. אין לויף פון די יארן האט ער אויפגעשטעלט ישיבות און מוסדות התורה, וואס זענען געווען די גרינד-שטיין פון נאך צענדליגער און הונדערטער ישיבות און תלמוד תורה'ס וואס עקזיסטירן ביזן היינטיגן טאג. אזוי האט זיך אפגעהיטן דאס אידישע פינק אויך אין די פארפרוירענע און מגושם'דיגע אמעריקא, און די פינק איז געווארן א פלאם וואס ברענט מער און מער ביזן היינטיגן טאג.

רבי שרגא פייוול איז געווען באקאנט מיט זיין ווארעם און סענסיטיווע הארץ אויף יעדע דבר שבקדושה, און ספעציעל פאר די שיקזאל פון אלע אידן אין די גלות לענדער און אין ארץ ישראל. דאס האט זיך מער געשטארקט און ערוועקט אין יאר תש"ח, ווען אין ארץ ישראל זענען פארגעקומען שרעקליכע בלוט-שלאכטן, און די הערצער פון די מיליאנען אידן איבער די וועלט האבן געקלאפט פון שרעק, א טייל פון זיי זענען נאר יעצט געראטעוועט געווארן פון די שווערד וואס האט פארטיליגט העכער א דריטל פון דאס אידישע פאלק אין די ביטערע יארן פון די צווייטע וועלט'ס קריג.

די אלטע תלמידים וואס האבן גוט געוואוסט וויפל טייכן טרערן פארגיסט זייער רבי אגאנץ לעבן אויף צרות ישראל, האבן געקוקט מיט וואונדער פארמישט מיט זארג אויף זייער רבי וואס זיין הארץ שטורעמט און זיין התרגשות שטארקט זיך צוליב די געשעהענישן וואס זענען פארגעקומען אין ארץ ישראל, הערנדיג די ביטערע נייעס וואס זענען געקומען אגאנצע צייט איבער גע'הרג'עטע און פארוואונדערטע פון די אידן. אין א ווייטקייט פון טויזנטער מייל אוועק פון ארץ ישראל האט רבי שרגא פייוול מיטגעלעבט די געשעהענישן ווי ער וואלט דארט געווען.

דאס האט פאסירט ערב שבת קודש לסדר "אם בחקתי תלכו", י"ט לחודש אייר תש"ח. נישט גוטע נייעס איז געקומען פון ארץ הקודש און איז נישט פארהוילן געווען פון די סענסיטיווע אויערן פון רבי שרגא פייוול, מ'האט גערעדט אז די אלט-שטאט ירושלים, אריינגערעכנט די כותל המערבי זענען אריינגעפאלן אין די הענט פון די אראבער, אלץ א טייל פון די מלחמה וואס די אראבער האבן געפירט אקעגן די אידן.

פון צווישן די טויזנטער אידן וואס האבן דארט געוואוינט ביז דעמאלטס, שוין הונדערטער יארן, צווישן די מויערן פון אלט-שטאט, זענען אסאך אוועק געפאלן טויט פון די באמבעס פון די גרויזאמער מערדער, און די איבעריגע זענען פארטריבן געווארן קיין ירדן, אדער זענען פארשיקט געווארן פון זייערע הייזער צו אנדערע פלעצער.

די נייעס איבער די שרעקליכע אומגליק האט זיך שנעל פארשפרייט, און האט אנגעטראפן ווי א פייל אין די סענסיטיווע הארץ פון רבי שרגא פייוול. דאס איז געווען שבת קודש ביינאכט פרשת בחוקותי. רבי שרגא פייוול האט געענדיגט די שבת'דיגע סעודה און זיך געגרייט צום בענטשן בדחילו ורחימו אזוי ווי זיין שטייגער.

ווען ער איז אנגעקומען ביי די ברכה פון 'רחם נא' צו די ווערטער: "על ישראל עמך ועל ירושלים עירך...", האט ער פלצלינג אויסגעבראכן אין א שרעקליכן געוויין און האט זיך נישט געקענט בארואיגן. זיין הארץ האט נישט געקענט אויסהאלטן די שרעקליכע צער און ווייטאג וואס ער האט געפילט צוליב די אומגליק וואס האט פאסירט אין ירושלים, און פלוצלינג איז ער צוזאם געפאלן אויף די ערד און האט פארלוירן זיין באוואוסטזיין.

די דאקטורים וואס זענען גערופן געווארן צו זיין הויז האבן געזאגט אז עס רעדט זיך פון א שווערע הארץ-אטאקע. נאכן זיך פלאגן א לאנגע צייט אים צו ערוועקן איז זיי געלונגען און ער האט זיך אויפגעכאפט. אבער זיין הארץ האט זיך נישט געקענט שטארקן. אין לויף פון די קומענדיגע דריי און א האלב חדשים איז ער געווען צוגעבינדן צו זיין בעט ווען זיין צושטאנד ווערט ערגער, ביז דעם טאג ג' אלול תש"ט ווען זיין וואונדערליכע לעבן האט זיך געענדיגט און געשלאסן.

איינער פון די שרייבער'ס אין יענע תקופה האט עס גוט ארויס געברענגט אין א ארטיקל וואס ער האט געשריבן באלד נאך זיין פטירה:

"זיין הארץ האט נישט געקענט איבערטראגן די ווייטאג פון די אידן וואס זענען אין גלות אין דער גארער וועלט בכלל און פון די ארץ ישראל'דיגע גלות בפרט... זייענדיג אין זיין וואוין ארט אין אמעריקא האט רבי שרגא פייוול כאילו ווי געלעבט אין ירושלים, און ווי ער וואלט געלעבט מיט די ירושלים'ער איינוואוינער, און די צרות פון זיינע ברודער אין ירושלים עיר הקודש האט אראפ געוואויגן זיין הארץ.

די שטורעמישער שטימע: "ובנה ירושלים" וואס האט זיך געשטארקט אויף זיין הארץ, וועט זיך קיינמאל נישט אויפהערן, און וועט ווייטער אויפרודערן די וועלטן - 'המזכירים את ה' אל דמי לכם ואל תתנו דמי לו עד ישים את ירושלים תהלה בארץ'...".

צוליב די אנגעצויגענע מצב וואס האט דעמאלטס געהערשט אין ארץ ישראל, איז ער באערדיגט געווארן אין א צייטווייליגע קבורה אין די בית הקברות וואס איז אין מאנסי, ווען נאך ארום צוויי יאר איז זיין קערפער אריבערגעפירט געווארן קיין ארץ ישראל - זיין פארלאנג, און איז באערדיגט געווארן אין די בית החיים 'שומרי שבת' אין זכרון מאיר - בני ברק, ווען א ריזן עולם באגלייט אים צו זיין אייביגע רוה, אין שפיץ פון מרן החזון איש זי"ע.

'שלוחא דרחמנא' עמ' 534

עיצובים shay